# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:20
מוצאי שב"ק.....................6:52

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.......................שמואל-ב ה'-ו'
בבלי.....................סנהדרין ס"ז
ירושלמי................חגיגה ב'
תוספתא.................פסחים ט'
רמב"ם.............טומאת אוכלין ג'


פרשת משפטים, מברכים חודש אדר, כ"ד שבט, שנת תשפ"ה לפ"ק
שנה 14, גליון 21 (689)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

אִם חָבֹל תַּחְבֹּל שַׂלְמַת רֵעֶךָ עַד בֹּא הַשֶּׁמֶשׁ תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זי"ע טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, מִשְׁפָּטִים, ד"ה אִם חָבֹל) אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ אִיד וָואס הָאט גֶעשֶׁעדִיגְט זַיין הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, עֶר הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן וָואס דָאס שֶׁעדִיגְט דִי נְשָׁמָה, דַארְף עֶר זֶען עֶס צוּ פַארְרֶעכְטְן נָאךְ אִין יֶענֶעם טָאג, אֵיידֶער עֶר גֵייט שְׁלָאפְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ער"ב) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צ"ה, ז') הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן אוּן וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן, נָאר אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט אֵיידֶער מֶען גֵייט שְׁלָאפְן, צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַזוֹי דֶער טָאג אִיז אַרִיבֶּער, אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן יֶענֶעם טָאג, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גוּטֶע זַאכְן פוּנֶעם טָאג, אוּן בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער.

וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעווּאוּסְט וִוי חָשׁוּב קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה אִיז, וָואלְט מֶען מֶער נִזְהָר גֶעוֶוען אִין דֶעם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ, מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן גֵייעֶן אַלֶע מַזִּיקִים אַוֶועק פוּן אִים; נָאךְ זָאגְן זֵיי (שָׁם): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ כְּאִילוּ אוֹחֵז חֶרֶב שֶׁל שְׁתֵּי פִיּוֹת בְּיָדוֹ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַארְן גֵיין שְׁלָאפְן אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הַאלְט אַ מֶעסֶער וָואס אִיז שַׁארְף פוּן בֵּיידֶע זַייטְן אוּן אַזוֹי הַרְגְ'עט עֶר אוֹיס אַלֶע מַזִּיקִין; זָאלְסְטוּ פוּן הַיינְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָּה וֶועסְטוּ אַוֶועק נֶעמֶען אַלֶע שְׁלֶעכְט פוּן דִיר. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין בַּיים לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע (אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִינֶעם נוּסַח הָאֲרִיזַ"ל) וַוייל רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, הֲלָכָה ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע בַּיינַאכְט פַאר עֶר גֵייט שְׁלָאפְן אוּן עֶר אִיז זִיךְ דֶערְבֵּיי מִתְוַדֶּה - "אֵינוֹ זָז מִשָּׁם עַד שֶׁמּוֹחֲלִין לוֹ", אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע; דָאס גַאנְצֶע קְרִיאַת שְׁמַע לֵיינֶען נֶעמְט אִינְגַאנְצְן אַפָּאר מִינוּט. בִּרְכַּת הַמַּפִּיל זָאגְט מֶען גְלַייךְ פַאר מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין סִידוּר עֵת רָצוֹן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מַקְפִּיד זַיין אוֹיף נֶעגְל וַואסֶער, וַוייל נֶעגְל וַואסֶער אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב; גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּגִיסְן דִי הֶענְט. עֶס זֶענֶען דָא צְוֵויי טַעֲמִים פַארְוָואס מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּגִיסְן דִי הֶענְט וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי, אֵיין טַעַם וַוייל בִּשְׁעַת מֶען שְׁלָאפְט כַאפְּט מֶען זִיךְ אָן וואוּ מֶען אִיז צוּגֶעדֶעקְט אוּן מֶען וֶוערְט טָמֵא (רא"ש בְּרָכוֹת פֶּרֶק ט, סִימָן כג), נָאךְ אַ טַעַם (תְּשׁוּבוֹת הָרַשְׁבָּ"א, חֵלֶק א', סִימָן קצא): וַוייל וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף וֶוערְט מֶען אַ בְּרִיָּה חֲדָשָׁה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אֵיכָה ג, כג): "חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ", אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פַאר מִיר הֵייבְּן אָן צוּ טוּן אוּנְזֶער עֲבוֹדָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְפְן מִיר זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט, אַזוֹי וִוי דִי כֹּהֲנִים וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעדַארְפְט וַואשְׁן דִי הֶענְט בַּיים כִּיּוֹר יֶעדְן צוּפְרִי זִיךְ צוּ רֵיינִיגְן פַאר זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי עֲבוֹדָה אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז נֶעגְל וַואסֶער אִיז אַ מִנְהָג וְכוּ' דֶערְפַאר אִיז מֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג זִיךְ צוּ וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (וַיֵּשֶׁב, קפד:) אַז בִּשְׁעַת אַ מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט אוּן זַיין נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיף קוּמְט אַ רוּחַ טוּמְאָה אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועקְט זִיךְ אוֹיף קוּמְט זַיין נְשָׁמָה צוּרִיק אוּן דֶעמָאלְט גֵייט אַוֶועק דִי רוּחַ טוּמְאָה פוּן אִים, אָבֶּער עֶס בְּלַייבְּט אוֹיף זַיין הֶענְט אוּן טוּט זִיךְ נִישְׁט אָפּ נָאר דוּרְךְ נֶעגְל וַואסֶער.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה, דָאס זָאלְסְטוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע פַאר אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מִיךְ אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, אַזוֹי וֶועל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶע נַאכְט וֶוער אִיךְ אַזוֹי פוֹילִ, אִיךְ דְרֵיי מִיר אַהֶער אוּן אַהִין, אִיךְ פַארְבְּרֶענְגְ דִי נַאכְט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן אוּן נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ אַרַיין אִין בֶּעט אָן קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אָן נֶעגְל וַואסֶער; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל מִיךְ קֶענֶען צוּזַאמְנֶעמֶען צוּ גֵיין שְׁלָאפְן צֵייטְלִיךְ, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַאר אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיפְן יֵצֶר הָרָע וָואס מַאכְט מִיר טְרַאכְטְן: 'מָארְגְן'; 'מָארְגְן וֶועל אִיךְ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע'; 'מָארְגְן וֶועל אִיךְ טוּן וָואס אִיךְ דַארְף יֶעצְט טוּן'; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית, אַז עֶס קֶען זַיין אַז הַיינְט אִיז מַיין לֶעצְטֶע טָאג בָּזֶה הָעוֹלָם, וֶועל אִיךְ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין".

(תּוֹךְ הַנַּחַל מִשְׁפָּטִים תש"ע, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיַּקְהֵל תשע"ט)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### גְרֶעסֶער פוּן אַ בְּהֵמָה

מִיט וָואס אִיז אַ מֶענְטְשׁ הֶעכֶער אוּן גְרֶעסֶער פוּן אַ בְּהֵמָה? דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ מַעְלָה הֶעכֶער וַוייל עֶר אִיז "מְדַבֵּר" - עֶר הָאט דֶעם כֹּחַ הַדִּיבּוּר, עֶר קֶען רֶעדְן. אַ מַתָּנָה מִיט וָואס אַנְדֶערֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן זֶענֶען נִישְׁט בַּאשָׁאנְקֶען גֶעוָוארְן. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, זָאגְט דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, ז) "וַיְהִי הָאָדָם לְנֶפֶשׁ חַיָּה" טַייטְשְׁט דֶער תַּרְגוּם "לְרוּחַ מְמַלְּלָא", עֶס אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר סָארְט בַּאשֶׁעפֶענִישׁ וָואס קֶען רֶעדְן.

אוֹיבּ אִיז דִי גַאנְצֶע גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ טַאקֶע דָאס אַז עֶר קֶען רֶעדְן, דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ זֶען צוּ נוּצְן דִי טֵייעֶרֶע מַתָּנָה אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן אוֹפָן. צוּ רֶעדְן מִיטְ'ן מוֹיל נָאר גוּטֶע

<<<<<<

## א גוט ווארט

מִיר זֶענֶען אִין חוֹדֶשׁ אָדָר, אַ חוֹדֶשׁ פוּן שִׂמְחָה; מֶעגְסְט שׁוֹין שְׁמֵייכְלֶען, מֶעגְסְט שׁוֹין אוֹיסְגְרָאבְן דִי קְנֵייטְשְׁן פוּן דַיין שְׁטֶערְן, לָאז אָפּ דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וֶועסְט גָארְנִישְׁט מַרְוִיחַ זַיין פוּן זַיין בְּעַצְבוּת, מִיט אַ לַאנְגֶע נָאז; גֶעבּ אַ שְׁמֵייכְל.

בֶּעט אוֹיף שִׂמְחָה, וַוייל דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִיז שִׂמְחָה. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (סֵפֶר מְקוֹר הַשִּׂמְחָה הוֹדָעוֹת נְחוּצוֹת, אוֹת צא) מֶען קֶען זֶען אוֹיפְן פָּנִים פוּנֶעם מֶענְטְשׁ צִי עֶר אִיז בֵּיי דִי קְדוּשָּׁה אָדֶער עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן; אַז מֶען הָאט אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים - אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בֵּיי דִי קְדוּשָּׁה, מֶען אִיז דָבוּק צוּם צַדִּיק אֱמֶת, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מִיט אַ טוּנְקֶעלֶע פָּנִים - אִיז עֶר נֶעבֶּעךְ פַארְכַאפְּט בֵּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע אוּן עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם צַדִּיק.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, אוּן פְּרוּבִּיר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אַרוֹיפְצוּלֵייגְן אוֹיפְן פָּנִים אַ שְׁמֵייכְל. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כג): "אַנְפִּין נְהוֹרִין" אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, "פָּנִים דִּקְדֻשָּׁה", "בְּחִינַת חַיִּים" - דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז בֵּיי דִי קְדוּשָּׁה, דָאס אִיז לֶעבְּן, "אַנְפִּין חֲשׁוֹכִין" אוּן אַ טוּנְקֶעלֶע פָּנִים, "סִטְרָא אָחֳרָא", אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז בֵּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע, "בְּחִינַת מִיתָה", מֶען הָאט אַ טוֹיטֶע לֶעבְּן; שִׂמְחָה אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אוּן דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ, וֶוען מֶען אִיז פְּרֵיילִיךְ אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, מֶען אִיז אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשפ"ד)



דער מולד וועט זיין: דאנערשטאג נאכט 2 מינוט נאך 7 | ראש חודש אדר יהיה ביום השישי ולמחרתו ביום שבת קודש

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# וֶוער דַארְף נָאכְגֶעבְּן?

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

חַס וְשָׁלוֹם מַאכְן אַ גֶט, אוּן חַס וְשָׁלוֹם צֶעטֵיילְן דִי טֵייעֶרֶע פָּארְפָאלְק; מֶען דַארְף אִיר מְחַזֵק זַיין זִי זָאל נָאכְגֶעבְּן, אֲפִילוּ זִי אִיז גֶערֶעכְט אוּן עֶר אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט; טוּן אַלֶעס אַבִּי דִי שְׁטוּבּ זָאל בְּלַייבְּן גַאנְץ.

נֶעמְט דִי כְּלַל אִין לֶעבְּן, דֶער וָואס אִיז אִין מוֹחִין דְגַדְלוּת – דֶער דַארְף נָאכְגֶעבְּן, וַוייל דֶער וָואס אִיז אִין מוֹחִין דְקַטְנוּת – הָאט דָאךְ נִישְׁט קֵיין מוֹחִין, אוּן אַז זִי אִיז יֶעצְט אִין מוֹחִין דְגַדְלוּת – זָאל זִי זַיין דֶער וָואס אִיז מְוַותֵּר.

אוּן וָואס אִיז דֶער סִימָן פוּן מוֹחִין? דֶער וָואס קוּמְט פְרֶעגְן, דֶער וָואס בֶּעט הִילְף, דֶער אִיז בֵּיי גַדְלוּת הַמּוֹחִין; אֲפִילוּ מֶען אִיז זֵייעֶר פַארְוֵוייטָאגְט, אָבֶּער דָאס אַז מֶען ווִיל זִיךְ הֶעלְפְן, מֶען קוּמְט בֶּעטְן אַן עֵצָה; דֶער דַארְף אַיינְגֵיין אוּן זַיין דֶער קְלוּגֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה יִתְרוֹ תשפ"ה)

## שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זי"ע פְלֶעגְט זָאגְן, "מִיט שִׂמְחָה הָאט מֶען גָארְנִישְׁט וָואס אָנְצוּוַאוֶוערְן [פַארְלִירְן], אַדְרַבָּה, מִיט יֶעדֶע שִׂמְחָה אִיז דֶער מֶענְטְשׁ זֵייעֶר מַצְלִיחַ בְּרוּחְנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר הַמִּדוֹת (אוֹת שִׂמְחָה, חֵלֶק ב', סִימָן א') "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער עֶס אִיז אַלֶעמָאל פְרֵיילִיךְ, דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר מַצְלִיחַ".

אִין פוּילְן זֶענֶען גֶעוֶועְן זֵייעֶר אַסַאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּרֶסְלֶבֶע חֲסִידִים, אוּן כָאטְשׁ וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועְן זֵייעֶר אָרֶעם, פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶענֶען זֵיי אַלְץ גֶעוֶועְן לוּסְטִיג אוּן פְרֵיילִיךְ מִיט אַ בְּרֵייטֶע שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן שׁוֹין גֶעוואוּסְט דָארְט אַז וֶוען מֶען זֶעט אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, אִיז עֶר מִסְתָּמָא אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר. אַזוֹי וַוייט פְלֶעגְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט צוּ רֶבִּי נָתָן, "דוּ זָאלְסְט זַיין טְרוֹיעֶרִיג מִיט מָרָה שְׁחוֹרָה?! דוּ דַארְפְסְט דָאךְ זַיין מְשׁוּנֶה פְרֵיילִיךְ!" (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שע"א).

אוּן דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיךְ אוֹיף יֶעדְן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַז זֵיי זֶענֶען דַארְפְן זַיין מְשׁוּנֶה פְרֵיילִיךְ.

מֶען דַארְף זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַלֶעמָאל, בִּיז מֶען וֶועט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּן אַלֶע דַאֲגוֹת אוּן צָרוֹת, פוּן אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער.

(אִמְרֵי מוֹהֲרַא"ש, חֵלֶק א', סִימָן מ"ז-נ')

## סֵפֶר הַמִּדוֹת תְּפִלָּה

מט. כְּשֶׁאָדָם נֶעֱצָר, זֶה סִימָן שֶׁאֵין תְּפִלָּתוֹ נִתְקַבֶּלֶת. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַיינְגֶעהַאלְטְן, עֶר קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵא, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז זַיין תְּפִלָּה אִיז נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען.

נ. עַל יְדֵי הַהִשְׁתּוֹקְקוּת שֶׁאָדָם מִשְׁתּוֹקֵק בַּלַּיְלָה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, עַל יְדֵי זֶה בְּנָקֵל לוֹ לְהִתְפַּלֵּל בַּבֹּקֶר. דוּרְךְ דִי בֶּענְקְשַׁאפְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאפְט אוּן בֶּענְקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיינַאכְט, דוּרְךְ דֶעם אִיז אִים גְרִינְגֶער צוּ דַאוֶונֶען אִינְדֶערְפְרִי.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

זַאכְן, צוּ נוּצְן דִי מוֹיל צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ נוּצְן דֶעם מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט וָואסֶערֶע כּוֹחוֹת עֶר הָאט אִין זַיין מוֹיל, דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן וָואס עֶר קֶען אוֹיפְטוּן דוּרְךְ זַיין רֶעדְן. דֶער מֶענְטְשׁ קֶען צוּקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר קֶען אוֹיךְ אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס אַלֶעס בְּלוֹיז מִיט זַיין מוֹיל.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ מְנוֹרָה אוֹיף זַיין פָּנִים, יֶעדֶער הָאט זִיבְּן לִיכְט אוֹיף זִיךְ, דָאס זֶענֶען דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי צְוֵויי נָאז לֶעכֶער, אוּן דִי מוֹיל. אוּן דֶער אַרְבֶּעט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז צוּ אָנְצִינְדֶען אוּן צוּ הֵיילִיגְן דִי זִיבְּן לִיכְט, אוּן דַאן וֶועט זַיין מֹחַ אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן עֶס וֶועט נָאר בְּרֶענֶען אוּן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג.

מֶען דַארְף הֵיילִיגְן דִי אוֹיגְן צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף גוּטֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, מֶען דַארְף הֵיילִיגְן דִי אוֹיעֶרְן צוּ הֶערְן נָאר גוּטֶע עֶרְלִיכֶע זַאכְן, זִיךְ צוּצוּהֶערְן צוּ וָואס דִי צַדִיקִים לֶערְנֶען אוּנְז, אוּן נִישְׁט צוּ הֶערְן זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דַארְף מֶען הֵיילִיגְן דִי נָאז לֶעכֶער, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף סַבְלָנוּת, אַז מֶען זָאל הָאבְּן "אֲרִיכַת אַפַּיִם" אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי ווִי מֶען הָאט גֶעוָואלְט. אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְט דִי מוֹיל, צוּ רֶעדְן נָאר גוּטֶע זַאכְן, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן דִי מוֹיל אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע פוּן אַלֶעס אוּן דָאס אִיז דִי שְׁלִיסְל צוּ אַלֶעס, מִיט דִי מוֹיל קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט אוּן זֶעט דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן דִי ווִיכְטִיגְקֵייט פוּן הִיטְן דִי אוֹיגְן, דִי אוֹיעֶרְן, דִי נָאז אוּן מוֹיל, קֶען עֶר וֶוערְן צוּפַאלְן, עֶס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר גוּטֶע אוּן ווִיכְטִיגֶע זַאכְן, אָבֶּער ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה דֶערְצוּ?

וֶוען אַ אִיד ווֵייסְט אָבֶּער דִי גְרוֹיסֶע כֹּחַ וָואס עֶר הָאט אִין זַיין מוֹיל, וֶועט עֶר נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיינְמָאל אִין נָאכְאַמָאל בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אוּן מֶען וֶועט צוּקוּמֶען צוּ אַלֶעס וָואס מֶען קֶען נָאר צוּקוּמֶען.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִּדְבָּר ח, ב) "אֶל מוּל פְּנֵי הַמְּנוֹרָה יָאִירוּ שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת" - אַלֶע לִיכְט פוּן דִי מְנוֹרָה דַארְפְן זַיין גֶעבּוֹיגְן צוּ דִי מִיטֶעלְסְטֶע. דַארְף מֶען לִכְאוֹרָה פַארְשְׁטֵיין, אַז דִי מִיטֶעלְסְטֶע לִיכְט אִיז דָאךְ גֶעשְׁטַאנֶען אִינְמִיטְן גְלַייךְ, אוּן דִי אַנְדֶערֶע זֶעקְס זֶענֶען גֶעוֶועְן גֶעבּוֹיגְן צוּ אִים, וָואלְט דָאךְ גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין "יָאִירוּ שֵׁשֶׁת הַנֵּרוֹת", נָאר זֶעקְס זֶענֶען גֶעוֶועְן גֶעבּוֹיגְן?

נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז דִי זִיבֶּעטֶע לִיכְט אִיז קֶעגְן דִי מוֹיל, אַלֶע זִיבְּן לִיכְט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיף זַיין קָאפּ, דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי נָאז לֶעכֶער אוּן דִי מוֹיל, אַלֶע דַארְפְן זַיין גֶעבּוֹיגְן צוּ דִי מוֹיל, אַלֶע דַארְפְן זֵיי צוּקוּמֶען צוּ דִי מוֹיל, פַאר דִי אַלֶע זַאכְן דַארְף מֶען נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אוֹיף דִי מוֹיל אַלֵיין דַארְף מֶען אוֹיךְ אַסַאךְ בֶּעטְן אַז מֶען זָאל עֶס נוּצְן נָאר צוּ גוּטְן, מֶען זָאל נוּצְן דִי מוֹיל נָאר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי אוֹיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט חַ"ו פַארְקֶערְט צוּ רֶעדְן נַארִישְׁקַייטְן אוּן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט. זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואסֶערֶע גֶעוַואלְדִיגֶע כּוֹחוֹת עֶס לִיגְט אִין דִי מוֹיל פוּן אַ מֶענְטְשׁ, וָואס וֶוען מֶען נוּצְט דָאס אוֹיס ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, קֶען מֶען דוּרְךְ דֶעם צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ב') אַז עֶס זֶענֶען דָא פִּיר סָארְטְן וֶוערְטֶער וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען רֶעדְן, אוּן מִיט דֶעם אוֹיסְנוּצְן דִי מוֹיל דָאס בֶּעסְטֶע. דִי פִּיר סָארְטְן זֶענֶען: "דִיבּוּר שֶׁל תְּשׁוּבָה", "דִיבּוּר שֶׁל עֲשִׁירוּת", "דִיבּוּר שֶׁל מַלְכוּת", אוּן "דִיבּוּר שֶׁל צְדָקָה". לָאמִיר דוּרְכְגֵיין דִי פִּיר סָארְטְן דִיבּוּרִים אוּן זֶען ווִי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זֵיי נוּצְן.

דִיבּוּר שֶׁל תְּשׁוּבָה - אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ דוּרְךְ מִיט אַ נָאנְטֶער פְרַיינְד. חַזַ"ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה לח, ד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (הוֹשֵׁעַ יד, ג) "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְלַאנְגְט נִישְׁט פוּן אַ מֶענְטְשׁ נָאר אַז עֶר זָאל

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

רֶעדְן צוּ אִים. וַוייל אֵיינְמָאל דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַאר אִים, דַאן וֶועט עֶר שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ וֶוערְן גוּט אוּן וואוֹיל, עֶר וֶועט שׁוֹין בַּאקוּמֶען אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַן עֶרְלִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן.

דִיבּוּר שֶׁל עֲשִׁירוּת - אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן פָּאזִיטִיוו, צוּ קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ מִיט אַ גוּטֶע אוֹיג. שְׁטֶענְדִיג צוּ זָאגְן אַז אַלֶעס גֵייט אִים גוּט בָּרוּךְ ה׳, אוּן נִישְׁט זִיךְ זוּכְן אָפְּצוּרֶעדְן אוֹיף דִי זַאכְן וָואס גֵייעֶן אִים נִישְׁט גוּט. דִי מִשְׁנָה זָאגְט אִין אָבוֹת (פֶּרֶק ד׳) "אֵיזוֹהִי עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ" - אַן עוֹשֶׁר אִיז אֵיינֶער וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט וָואס עֶר הָאט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעדֶענְקְט אוּן וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נָאר גוּטְס, יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט צוּ אִים הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן אַז אַזוֹי הָאט עֶס גֶעדַארְפְט זַיין אוּן נָאר אַזוֹי אִיז גוּט פַאר אִים, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט זוּכְן זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן, נָאר וֶוען אֵיינֶער וֶועט אִים פְרֶעגְן וָואס עֶר מַאכְט, וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג עֶנְטְפֶערְן: "גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אַלֶעס גֵייט מִיר זֵייעֶר גוּט". אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן מִיט אַ בְּרֵייטְקַייט אַז אַלֶעס אִיז אִים גוּט, דַאן וֶועט עֶס טַאקֶע וֶוערְן אַזוֹי אַז אַלֶעס וֶועט אִים זַיין גוּט.

דִיבּוּר שֶׁל מַלְכוּת - דָאס זֶענֶען דִי וֶוערְטֶער וָואס אַ אִיד דַארְף זָאגְן יֶעדְן טָאג, עֶר דַארְף דַאוֶוענֶען, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דִי אַלֶע מִצְוֹת וָואס מֶען דַארְף זָאגְן מִיט דִי מוֹיל. וֶוען אַ אִיד זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, עֶר גֶעוואוֹינְט צוּ זַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן נָאר גוּטֶע זַאכְן, דַאן וֶוערְט זַיין מוֹיל אַזוֹי גֶעהֵיילִיגְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס הֶערְט אִים נָאר רֶעדְן, וֶוערְט אוֹיךְ נִתְעוֹרֵר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִיבּוּר שֶׁל צְדָקָה - דִי מוֹיל דַארְף מֶען אוֹיךְ נוּצְן אוֹיף צוּ טוּן דֶערְמִיט צְדָקָה. צוּמָאל קֶען מֶען טוּן אַסַאךְ מֶער אוּן גְרֶעסֶערֶע צְדָקוֹת בְּלוֹיז מִיטְ׳ן מוֹיל, אַסַאךְ מֶער פוּן וִויפִיל מֶען וָואלְט גֶעקֶענְט טוּן מִיט גֶעלְט. וֶוען מֶען זֶעט וִוי אַ צֻוֶוייטֶער אִיד אִיז צוּבְּרָאכְן, יֶענֶער גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶועריְקֵייטְן; קֶען מֶען אַמָאל מִיט אֵיין גוּט וָוארְט רַאטֶעוֶוען מַמָשׁ יֶענֶעמְ׳ס לֶעבְּן. מִיט גֶעלְט קֶען מֶען נִישְׁט אֵייבִּיג הֶעלְפְן אַ מֶענְטְשׁ, נִישְׁט אֵייבִּיג אִיז יֶענֶעמְ׳ס פְּרָאבְּלֶעם דָאס גֶעלְט וָואס פֶעלְט אִים, זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל קֶען עֶס זַיין אַנְדֶערֶע שְׁוֶועריְקֵייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן אֲפִילוּ אוֹיב יֶענֶעמְ׳ס פְּרָאבְּלֶעם אִיז טַאקֶע יָא אַז עֶס פֶעלְט אִים גֶעלְט, הָאט מֶען דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט גֶענוּג גֶעלְט צוּ קֶענֶען אוֹיסְצָאלְן יֶעדְנְ׳ס חוֹבוֹת. אָבֶּער מִיט עֶטְלִיכֶע קְלֵיינֶע וֶוערְטֶער מִיט וָואס מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַ צְוֵוייטְן, מֶען נֶעמְט יֶענֶעם אַרוֹיס פוּן זַיין עֶנְגְשַׁאפְט אוּן צוּקְלַאפְּטְקַייט, הָאט מֶען אִים פִיל מֶער גֶעהָאלְפְן וִוי מֶען וָואלְט אִים גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ גֶעלְט.

וֶוען אַ אִיד נוּצְט אוֹיס זַיין מוֹיל וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶועט עֶר הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט׳ עֶרֶךְ דִיבּוּר)

<<<<<< נייעס

"בטעות" גענומען דעם ספר "משיבת נפש", און דער ראש ישיבה האט "דרך אגב" באקומען "אשר בנחל חלק כ"ז". יעדער איד איז אן עולם מלא, און די וועלט איז פול מיט עפיזאדן וויאזוי א ספר׳ל האט געטוישט און גערעטעוועט אומצאליגע אידן און משפחות. דאס איז די ציל און מטרה פון אלע אקטיוויטעטן פונעם בית הדפוס.

דערנאך האט מען מיטגעהאלטן א גאר אינהאלטספולע לעבעדיגע אינטערוויו צווישן דער לאנג יעריגער תלמיד פון מוהרא"ש זי"ע, מו"ה שאול חיים איינהארן שליט"א, וואס האט געהאט די זכי׳ משמש צו זיין מוהרא"ש זי"ע, און מו"ה מנשה איצקאוויטש הי"ו דער גבאי פון בית המדרש היכל הקודש בארא פארק, ווי מען האט געהערט גאר אינטערסאנטע עובדות וסיפורים ערשטהאנטיג, פון די פריערדיגע יארן ביי מוהרא"ש זי"ע.

צום שלוס האט מען געהאט די זכי׳ צו הערן דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס האט געפענט די גנזי המלך, די טייערע אוצרות די ירושה וואס מוהרא"ש זי"ע האט איבערגעלאזט, די ירושה וואס יעדער קען נעמען פאר זיך, אז מען קען לעבן דא אויף דער וועלט מיט די דזשאב, מיט די ווייב, מיט די קינדער, לעבן מיט׳ן אויבערשטן, לעבן מיט תפלה, לעבן מיט התבודדות, לעבן מיט שמחה של מצוה.

דער ריזיגער ציבור איז שטארק דאנקבאר פאר׳ן בית הדפוס און פאר אלע וואס שטיין צו הילף פאר דעם ריזיגן פאבריק פון אמונה, וואס זייט דעם הייליגן רבי נתן איז נאכנישט געווען אזא דרוקעריי וואס איז אויפגעשטעלט געווארן און האט נאר די איין ציל צו פארשפרייטן און דרוקן די ספרים פון הייליגן רבי׳ן, אן אויפגאבע וואס ליגט באמת אויף יעדן ברסלב׳ער חסיד באזונדער, און מיט דעם בית הדפוס זענען מיר ממשיך דעם מסירות נפש פון רבי נתן, וואס וועט אונז באגלייטן ביז משיח צדקינו.




## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וִוי אַזוֹי מֶעסְט מֶען פְרֵיילִיכְקֵייט?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אִין דִי הֵיילִיגֶע לֶעכְטִיגֶע בְּרִיוְן אַז מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ מֶעסְטְן אוֹיבּ עֶר אִיז בֵּיי דִי קְדוּשָּׁה אָדֶער בֵּיי דִי טוּמְאָה, אַז אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז מֶען בֵּיי דִי קְדוּשָּׁה. הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי מֶען מֶעסְט זִיךְ אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ׳ן רַאטֶעוֶועןן מַיין לֶעבְּן, פַארְ׳ן מִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן אַז דִי עֶכְטֶע סְחוֹרָה אִיז לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן שָׁלוֹם בַּיִת.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

**יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"שׁ פְרֶעגְט, מֶען זֶעט דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט, יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז גֶעזִיצְן אִין תְּפִיסָה אוּן עֶר פְרֶעגְט דִי שַׂר הַמַּשְׁקִים אוּן דִי שַׂר הָאוֹפִים (בְּרֵאשִׁית מ, ז): "מַדּוּעַ פְּנֵיכֶם רָעִים הַיּוֹם", פַארְוָואס אִיז עֶנְקֶער פָּנִים אַזוֹי שְׁלֶעכְט? עֶנְק זֶענֶען אַזוֹי צוּגֶעלֵייגְט; פְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ, וָואס זָאל אָנְגֵיין יוֹסֵף אַז צְוֵויי גוֹיִם טְמֵאִים פוּן תְּפִיסָה זֶענֶען צוּגֶעלֵייגְט אוּן דֶערְבִּיטֶערְט? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט לַיידְן קֵיין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; וַוייל וֶוער עֶס אִיז בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ - קֶען נִישְׁט לַיידְן צוּ זֶען אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אִין עַצְבוּת אוּן אִין מָרָה שְׁחוֹרָה, שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם לט, ב): "וַיְהִי אִישׁ מַצְלִיחַ", יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז גֶעוֶוען אַן אִישׁ מַצְלִיחַ, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פו, ד) עֶר אִיז גֶעוֶוען: "גְּבַר קַפּוּז", לוּסְטִיג אוּן לֶעבֶּעדִיג.

דָאס אִיז דִי סִימָן פוּן שִׂמְחָה, אַז מֶען מַאכְט אַ צְוֵוייטְן פְרֵיילִיךְ; אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין שְׁטוּבּ, מֶען שְׁמֵייכְלְט אוּן מֶען גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ אִין שׁוּל אוּן אִין אַרְבֶּעט אוּן וואוּ אִימֶער מֶען גֵייט גֶעבְּט מֶען יֶעדְן אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מג), עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי יִסוּרִים וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוּן זֵיי קֶענֶען קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן וָואס זֵיי לַיידְן. זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן פַאר אֵיינֶעם וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מִיט וֶועמֶען צוּ שְׁמוּעֶסְן, אוּן וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וֶוערְן זֵיי אוֹיפְגֶעלֶעבְּט דוּרְכְדֶעם, "וּלְהַחֲיוֹת אָדָם אֵינוֹ דָּבָר רֵק", אוּן מְחַיֶּה זַיין אַ מֶענְטְשׁ אִיז גָארְנִישְׁט קֵיין קְלֵיינִיקֵייט, "כִּי הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כב.), אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט בַּאגֶעגְנְט רַבִּי בְּרוֹקָא אוֹיפְן גַאס, הָאט עֶר אִים גֶעווִיזְן אוֹיף צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זֶענֶען בְּנֵי עוֹלָם הַבָּא, וַוייל זֵיי גֵייעֶן אַרוּם פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי שְׁמֵייכְלֶען צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן וֶוען זֵיי זֶעעֶן וִוי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ מַאכְן זֵיי דָארְט פְרֵיילִיךְ בִּיז זֵיי בֶּעטְן זִיךְ אִיבֶּער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה יִתְרוֹ תשפ"ה)

# לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (קצד)

**תרסא**

פוּן דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעשִׁיקְט פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הָאט מֶען פוּן דֶעם גֶעמַאכְט אַסַאךְ העתקות, מֶען הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן אַסַאךְ מָאל אוּן עֶס אַרוּמְגֶעשִׁיקְט פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אַלֶע גֶעגְנְטֶער וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעוואוֹינְט, אַז זֵיי זָאלְן אַיינְרַייסְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּפִילוֹת וְתַחֲנוּנִים אוֹיף דִי גֶעזוּנְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

ר' נַפְתָּלִי הָאט אוֹיךְ גֶעשִׁיקְט אַ קַאפִּיעֶ פוּנֶעם בְּרִיוו צוּ רֶבִּי נָתָן, וָואס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אִין שְׁטָאט מָאהְלוּב. רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִינֶעם בְּרִיוו הָאט רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט פִילֶע גְרוֹיסֶע טִיטְלֶען אוּן שְׁבָחִים אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶר הָאט עֶרְהַאלְטְן דִי קַאפִּיעֶ פוּנֶעם בְּרִיוו פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס אִיז גֶעשִׁיקְט גֶעוָוארְן קֵיין מָאהְלוּב, אוּן וִוי שְׁטַארְק עֶר אִיז דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן צוּ הֶערְן פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס שְׁוֶועְרְן מַצָּב, אוּן וִוי שְׁטַארְק עֶר צִיטֶערְט צוּ מְחַזֵּק זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוער קֶען דֶען זִיךְ וַואגְן צוּ טוּן אַזַא זַאךְ, אָבֶער פוּן דֶעסְט וֶועגְן וִויל עֶר שְׁרַייבְּן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער פוּן חִיזוּק פַאר'ן רֶבִּי'ן. וַוייטֶער אִינֶעם בְּרִיוו דֶערְמַאנְט רֶבִּי נָתָן פַאר'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דִי שְׁוֶוערֶע צַייטְן וָואס עֶר אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן סְפֶּעצִיעֶל דָאס וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער זַייעֶנְדִיג אִין סְטַאנְבּוּל, וָואס דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוערְסְטֶע צַייט אִין לֶעבְּן, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט דֶער רֶבִּי זוֹכֶה גֶעוֶוען אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, אוּן פוּן דֶעם קֶען מֶען נֶעמֶען אַ חִיזוּק אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים וַוייטֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן, אוּן עֶר וֶועט אוֹיךְ אִיבֶּערְקוּמֶען דָאס מָאל דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן, אוּן עֶר וֶועט קֶענֶען אוֹיפְטוּן וָואס עֶר וִויל אוֹיפְטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט וַוייטֶער אַז עֶר אִיז מְקַיֵּים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִינֶעם בְּרִיוו אַז מֶען זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אִים, אוּן עֶר דְרוּקְט זִיךְ אוֹיס אַז וֶוען מֶען וָואלְט אֱמֶת'דִיג פַארְשְׁטַאנֶען וִוי וִויכְטִיג מִיר דַארְפְן הָאבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואלְטְן מִיר גֶעלָאפְן אוּן גֶעשְׁרִיגְן אִין דִי גַאסְן, וַוייל דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רַחֲמָנוּת אִיז דָאךְ אוּמְבַּאגְרֵייפְלִיךְ, וִוי אַזוֹי עֶר לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוּן בְּרֶענְגְט אִים אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן עֶר עֶנְדִיגְט צוּ דֶעם בְּרִיוו מִיט בְּרָכוֹת אוּן הָאפֶענוּנְג צוּ אַ גַאנְצֶע אוּן שְׁנֶעלֶע רְפוּאָה אוּן יְשׁוּעָה פַאר'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# מסיבת הכרת הטוב "רענט קאמפיין" דאנערשטאג תרומה הבעל"ט

די געטרייע עסקים פון די "רענט קאמפיין" זענען אין די טעג פארנומען מיט פיבערהאפטיגע צוגרייטונגען צום יערליכן "מסיבת הכרת הטוב" פאר אלע נדיבים וואס באשטייערן זיך במשך די יאר מיט שיינע סכומים.

שוין לאנגע יארן האבן אנשי שלומינו א שטארקע הכרת הטוב פאר די צוויי חשובע אינגעלייט מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו און מו"ה שבתי מארקוס הי"ו וועלכע האבן אראפגענומען דעם עול פונעם ראש ישיבה שליט"א פון דארפן צוזאם שטעלן די "רענט" פאר די בניני ישיבה, און מיט דעם האבן זיי באפרייט טייערע צייט און כח פונעם ראש ישיבה שליט"א צו קענען זיך בעז"ה אפגעבן מיט די תלמידים מיט מער הרחבת הדעת, און ווייטער איבערגעבן פאר אונז די עצות און התחזקות וואס ער האט מקבל געווען פון הייליגן רבין דורך מוהרא"ש זי"ע.

אנשי שלומינו ווייסן און פארשטייען די שווערע אונטערנעמונג וואס זיי האבן זיך אונטערגענומען און פירן אויס מיט געטריישאפט מדי חודש בחדשו, און דעריבער שטרענגט מען זיך אן יעדן חודש און מען געבט צושטייער שיינע סכומים פאר די רענט.

די רענט קאמפיין שפירט א געוואלדיגע הכרת הטוב צום ציבור וואס העלפט אזוי שיין ארויס, און דעריבער ווילן זיי כאטש איינמאל א יאר זיך באדאנקען פאר די פילע נדבנים, און דעריבער איז פאררופן געווארן די יערליכע מסיבת הכרת הטוב אויפ'ן קומענדיגן דאנערשטאג נאכט פרשת תרומה הבעל"ט, אינאיינעם מיט א סעודת ראש חודש, אין די פראכטפולער זאל "עטרת מייזעלס" אין קרית יואל, אויף 6 YD Goldberger Dr.

אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן, אנטשפרעכט אויך דער היי יאריגע מסיבה צו זיין גאר א געשמאקע אווענט מיט געשמאקע דרשות און פראגראם. מען וועט דארט בעז"ה טיילן מתנות פאר אלע נדבנים. דער דיין שליט"א וועט געבן א שיינעם שיעור אין הלכות "מעשר כספים" און אזוי אויך וועט דער ראש ישיבה שליט"א אויפטרעטן מיט'ן וועכנטליכן ליל שישי שיעור, וואס וועט בעז"ה איבערלאזן א גאר א געשמאקע רושם פאר אלע באטייליגטע פאר לאנגע וואכן שפעטער.

***

# ווארימע סעודת הילולא פון אבינו רועינו מוהרא"ש זי"ע

לקראת די צענטע יומא דהילולא קדישא פון כ"ק אבינו רועינו מרן מוהרא"ש זי"ע וואס איז אויסגעפאלן דעם פארגאנגענעם שבת קודש קבלת התורה י"ז שבט הבעל"ט זענען זיך צוזאם געקומען אום מוצאי שב"ק א ריזן ציבור אנשי שלומינו פון אלע שטעט, אנשים נשים וטף פון גרעיטער ניו יארק און ארום, טראץ דעם גאר שווערן שניי און אייז שטורעם וואס האט געבוזשעוועט אין גאס, מיט'ן ציל צו חזר'ן און זיך מחזק זיין מיט די שיינע ירושה וואס אונזער רבי דער גרויסער בעל הילולא האט אונז איבערגעלאזט.

דער יושב ראש, דער פה מפיק מרגליות, הר"ר זושא פריעדמאן שליט"א, האט מיט זיין לשון לימודים ארויסגעברענגט די גרויסע פארדינסטן וואס מיר האבן פונעם בית הדפוס, און די גרויסע זכי' וואס מיר האבן זיי צו שטיין צו די רעכטע האנט. עס איז געווען אין פלאן צו הערן א דרשה פון מו"ה אפרים ענגליש הי"ו איבער זיין דראמאטישע סיפור התקרבות, אבער צוליב דעם שווערן וועטער האט ער נישט געקענט אנקומען, ועוד חזון למועד, האפט מען עס משלים צו זיין ביי א קומענדיגע געלעגענהייט. אלס א סורפרייז האט אויפגעטרעטן דער מנהל בית הדפוס, מו"ה אשר יעקב בלום הי"ו, וואס האט אביסל דערציילט סודות פון חדר, די פינאנציעלער מצב פונעם בית הדפוס, און די גרויסע פלענער וואס מען האפט בסייעתא דשמיא צו דערגרייכן.

דער גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו האט דערנאך אויפגעטרעטן און אראפגעלייגט וואס דאס מיינט הפצה, ווי אזוי מען האט געזען זינט דעם הייליגן רבינ'ס פטירה, במשך אלע דורות וויאזוי א קליין ספר וואס קומט אן צו א איד קען בוכשטעבליך טוישן די וועלט, צום ביישפיל ווי מוהרא"ש האט

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **נחמן ניישטיין** שליט"א בארא פארק
מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים
**צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב**
החתן **דוד** נ"י עב"ג בת
מו"ה **יואל פארקאש** שליט"א קרית יואל
גבאי ביהמ"ד "היכל הקודש" קרית יואל
***
מו"ה **יודל דעפריס** הי"ו קרית ברסלב
**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**
הבחור **ישע** נ"י
***
מו"ה **שבתי מארקוס** הי"ו וויליאמסבורג
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

## ספר המדות

**שיעורים אינעם הייליגן ספר המדות, אויף וואס דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט, "דער ספר האט מיר געמאכט פאר א איד"**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 3, 10**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספעפיס; און נאך**
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com** / טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >